

# אוהבם של ישראל

יו"ל לרגל יומא דהילולא קדישא של
**מרן רביה"ק רבי משה מרדכי מלעלוב זיעועכי"א**
ע"י
**ת"ת ברכת רמ"מ ירושלים לעלוב**
בנשיאות כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א
אשר נקראת על שמו הק'

לכבוד דער יומא דהילולא קדישא פון הרה"ק ר' משה מרדכי מלעלוב זצ"ל, וואס געפאלט אויס כ"ד טבת הבעל"ט, קומען מיר בס"ד ארויס מיט דעם דאזיגן גליון וואס ענטהאלט קורצע ביאגראפישע שטריכן פון אותו צדיק וקדוש, וואס איז בימיו געווען א הייליגער קוואל וואס האט געשפרודלט פאר כלל ישראל מיט אזויפיל קדושה און התרוממות, און משפיע געווען פאר אידן ישועות און השפעות טובות.

עס איז שוין באלד פערציג יאר פון זיין הסתלקות לשמי מרום, און דער הייליגער נאמען פונעם צדיק ווערט דערמאנט אין כלל ישראל אויף די ליפן מיט גרויס יראת הכבוד. לשמו ולזכרו תאות נפשנו.

**תלמוד תורה ברכת רמ"מ ירושלים לעלוב**, וואס כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א האט מייסד על שם זקינו הק' זי"ע, איז א דירעקטע צינור פון אט דעם ריינעם קוואל, וואס גיבט ווייטער איבער דעם הייליגן לעלוב'ער דרך וואס רבינו שליט"א האט מקבל געווען ביי זיין הייליגן זיידן זי"ע, און פליסט ווייטער מיט אהבת תורה ויראת שמים, כמעיין המתגבר וכנהר שאינו פוסק.

זאל זיין גרויסן זכות מגין זיין אויף אונז אלע, מיר זאלן ווייטער קענען ממשיך זיין מיט ברכה און הצלחה אין עבודת חינוך תשב"ר, מחנך צו זיין אונזערע תלמידים אין זיינע הייליגע דרכים, און מקדש שם שמים זיין לשם ולתהלה, להגדיל תורה ולהאדירה.

## זכרון קדוש

### ואלה תולדות צדיק

א ליכטיקייט האט אויפגעבליצט אין ירושלים עיה"ק, אין חודש טבת תרס"ג, מיט דעם געבורט פון א הייליג קינד צו הרה"ק ר' **שמעון נתן נטע** זצ"ל, זון פון הרה"ק ר' **דוד צבי שלמה** זצ"ל אדמו"ר מלעלוב. דער לעלובער רבי זצ"ל וועמען מען האט גערופן "דער ירושלימער רבי" האט בימים ההם געפירט זיין עדה הקדושה אין ירושלים עיה"ק, און געווען א לייכט-טורעם פון קדושה און חסידות וואס ער האט פארשפרייט איבער גאנץ ארץ ישראל.

כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א דערציילט, אז אין די נאכט פון דער וואך-נאכט, האט די מאמע, הרבנית חנה רייצא ע"ה זיך גע'חלומ'ט ווי זי זעהט אן אנלויף פון מאסן חסידים וואס באגלייטן א צדיק וועמענס געזיכט האט געשיינט ווי א מלאך אלקים. ווען זי האט זיך נאכגעפרעגט, ווער דאס איז דער צדיק וועמען אלע באגלייטן אין וועג, האט מען איר געענטפערט מיט א פשטות אז דאס איז דאך הרה"ק ר' מרדכי מלעכוויטש...

ווען די רביצין איז אויפגעשטאנען פון שלאף האט זי זיך נישט געקענט בארואיגן פון דעם פלא'דיגן חלום. זי האט עס תיכף דערציילט פאר איר מאן הרה"ק שמעון נתן נטע זצ"ל, און ער איז אריין צום רבי'ן, זיין פאטער הרה"ק ר' דוד צבי שלמה זצ"ל, און איבערדערציילט דעם חלום. דער פאטער האט צוגעשטימט צום ווארהייט פון חלום, און געהייסן מוסיף זיין אויפ'ן באשטימטן נאמען 'משה' נאכ'ן זיידן הרה"ק ר' משה מלעלוב זי"ע, דעם נאמען 'מרדכי', אויפ'ן נאמען פון הרה"ק מלעכוויטש זצ"ל.

שוין אלס קינד האט זיך ארויסגעוויזן זיין יראת שמים





פאטער פון רבינו זצ"ל הרה"ק ר' שמעון נתן נטע זי"ע



רבינו זצ"ל אין די אינגערע יארן



רבינו זצ"ל אין די מיטעלע יארן

און זעלטענע אפגעהיטנקייט בין אדם למקום. אמאל אלס יונגל איז ער באפאלן געווארן אין די ירושלימ'ער געסלעך דורך א קבוצה יונגע אראבער וואס האבן אים אויך צוגענומען דאס קאפל פון קאפ. אנשטאט אנטלויפן פון ארט איז ער געבליבן שטיין און זיך נישט גערירט, כאטש וואס ער איז נאך געווען אין געפאר פון די ווילדע אראבישע יונגען.

ווען א אידענע האט פונדערווייטנס געשריגן צו אים, ער זאל שנעל אנטלויפן, האט ער אבער תמימות'דיג ערקלערט, אז ער קען זיך נישט רירן פון ארט, ווייל ער האט נישט קיין קאפל... אזוי איז ער נאך געשטאנען דארט א ווייל ביז ער האט אפגעריסן בלעטלעך פון א דערנעבנדיגע בוים און דערמיט צוגעדעקט זיין קאפ.

דאס יונגעלע, משה מרדכי, איז אויפגעצויגן געווארן אונטער די השראה פון זיין גרויסן זיידן, וואס האט זיך מיט אים באזונדער משתעשע געווען מיט א קענטיגע אהבה, און אים פערזענליך מחנך און מדריך געווען מיט הדרכות ישרות און צו מנהגי אבותיו הק'.

נאכדעם וואס זיין פאטער הרה"ק שמעון נתן נטע זצ"ל איז געפארן קיין אייראפע, האט דער גרויסער זיידע אריינגענומען דעם איינקל אונטער זיינע הייליגע פליגלען און אויף אים משפיע געווען מהודו וקדושתו.

מיט געוואלדיגע התמדה איז רבינו געזעסן על התורה ועל העבודה, און זיך פארשלאסן צווישן די ד' אמות של הלכה, איינגעטונקען אינעם ים התלמוד אין ישיבת חיי עולם און אין ישיבת בית א-ל. דארט האט ער זיך משלים געווען אין ש"ס ופוסקים. ביי די זיבעצן יאר האט ער ארויסגענומען התרת הוראה פון גדולי ירושלים וואס האבן מפליא געווען זיין בקיאות און חריפות.

שוין פון אלס קינד איז זיין זהירות אין שמירת עינים געווען עד להפליא. מיט א געוואלדיגע כח און גבורה האט ער זיך אפגעשיידט פון הבלי עולם הזה, און זיך מדבק געווען מיט די קדושה. מיט א הייליגע דורשט האט ער עוסק געווען אין ספרי קודש וואס האבן אים באלויכטן זיין וועג אין לעבן, באזונדער האט ער עוסק געווען מיט א קביעות אין ספר השל"ה און ספר יסוד ושורש העבודה.

אין זיינע בחור'ישע יארן פלעגט ער יעדן נאכט, נאנט צו חצות הלילה, זיך גיין טובל'ן אין דער מקוה נעבן חורבת רבי יהודה החסיד. פון דארט האט ער געוואנדן זיינע טריט צום שריד בית מקדשנו, וואו ער האט אנגעראכטן חצות, אינאיינעם מיט די נקיי הדעת שבירושלים, זיצנדיג אויף די ערד פאר'ן כותל מערבי האט ער מיט דמעות שליש מקונן געווען אויף גלות השכינה.

אלס בחור איז רבינו זצ"ל געפארן קיין קראקא, פולין, וואו זיין פאטער האט דאן געוויילט, און דארט אין קראקא האט ער זיך מדבק געווען אין צדיקי הדור, אונטער זייער השפעה האט ער ממשיך געווען צו שטייגן מדריגות במעלות התורה ויראת שמים.

צווישן אנדערע איז ער געפארן קיין בעלזא, צו הרה"ק ר' ישכר דוב זצ"ל. דער בעלזער רב האט זיך אמאל נאכגעפרעגט אויף אים, זאגנדיג: "וואו איז דער בחור פון ארץ ישראל? איך האב נאכנישט געזעהן אזא ריינע בחור ווי אים!"

אין קראקא האט ער זיך קובע מקום געווען אין דארטיגן ראדאמסקער שטיבל, וואו ער איז געזעסן און געלערנט יומם ולילה, און ממשיך געווען מיט זיין



רבינו זצ"ל איז זיך משתתף ביי א שמחה

התעלות אין תורה פונקט ווי אין ירושלים.

כשהגיע לפרקו האבן זיך עטליכע גדולי וצדיקי הדור פארגלוסט אים צו נעמען פאר אן איידעם, און לויט די הכרעה פון הרה"ק ר' ישראל מסטאלין זצ"ל איז נגמר געווארן דעם שידוך מיט די טאכטער פון הגה"ח ר' אברהם שווארץ זצ"ל פון פשעמישל-דאבראמיל. די חתונה איז פארגעקומען אין קראקא אין שנת תרפ"ג.

זייענדיג אין קראקא מיט אביו הק', איז אנגעקומען די ביטערע בשורה איבער דאס הסתלקות פון זיידן, הרה"ק ר' דוד צבי שלמה זצ"ל ביום ה' אלול תרע"ח. לעלובער חסידים זענען פאר'יתומ'ט געווארן מיט די פטירה פון זייער גרויסן מנהיג און וועגווייזער.

אין די אפוועזנהייט פון בנו הרה"ק ר' שמעון נתן נטע זצ"ל, איז דאס הויז פון רב'ן אין ירושלים נישט געווען פארזיכערט, מענטשן האבן זיך געלאזט צו די ירושה און זיך ערלויבט צו נעמען פון די טייערע חפצי קודש פון פריערדיגע צדיקים וקדושים וואס זענען געלעגן אין רב'נס רשות. צום באדויערן האט זיך ארויסגעשטעלט אז ס'איז גארנישט געבליבן פאר דער יורש און מ"מ, הרה"ק ר' שמעון זצ"ל, וואס האט זיך דאן געפונען אין קראקא. ווען בנו, רבינו, איז א צייט שפעטער געקומען

צום פאטער קיין קראקא, האט דער פאטער זיך געפרייט מיט אים כעל כל הון, זאגנדיג בזה"ל: "אלעס האט מען מיר צוגענומען, נאר 'ער' איז מיר געבליבן, 'ער' איז חשוב'ער ביי מיר ווי אלעס, ער איז אינגאנצן דער טאטע..".

נאך די הסתלקות פונעם זיידן, איז זיין פאטער הרה"ק ר' שמעון נתן נטע ז"ל צוריקגעפארן קיין ירושלים, און ממשיך געווען צו פירן די עדה, ביז צו זיין פריצייטיגע פטירה, צום גדלי' שנת תר"צ.

רבינו איז דאן אלט געווען אינגאנצן זיבן און צוואנציג יאר, און טראץ די שטארקע הפצרות פון לעלובער חסידים האט ער זיך אנטזאגט פון נעמען אויף זיך

## תורה

דער רבי זצ"ל פלעגט כסדר חזר'ן "די בעסטע מוסר ספר איז די הייליגע גמרא מיט יראת שמים".

אין די פריערדיגע יארן פלעגט ער פרעגן בחורים און יונגעלייט "האסט שוין געלערנט היינט גמרא?". און צומאל פלעגט ער זאגן "הא? האסט אריין געכאפט גמרא שנעל פאר דעם טיש, האסט מורא געהאט איך וועל דיר פרעגן!"

ווען ער האט געהערט אז עמיצער לערנט בהתמדה האט דאס אים פארשאפט א גרויסע שמחה, און ער האט ממש אויפגעלעבט דערפון. אין די תקופה ווען ער האט געוואוינט אין תל אביב האט ער געוואוינט נעבן א ישיבה, און יעדעס מאל וואס ער פלעגט אריבערגיין און ארויסהערן דעם קול תורה, האט ער זיך אויסגעדריקט אז דאס גיבט אים ממש חיות.

אזוי אויך זאגט כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א כסדר נאך בשם דעם זיידן אז ער פלעגט צו זאגן אז "די בעסטע סגולה פאר יראת שמים איז ארייגלייגן די אויגן אין די גמרא".



רבינו זצ"ל ביי הבדלה
ווערט געזען הרה"צ ר' זלמן ברזיל ז"ל מזקני חשובי העדה



רבינו זצ"ל ביי די עבודת הקודש, ריקודין קדישין בשמחת בית השואבה



רבינו זצ״ל ביים חתונה פון בנו האדמו״ר מהרי״ד שליט״א



רבינו זצ״ל ביי אן עריכת השולחן אויף די עלטערע יארן. ווערט געזען בנו האדמו״ר מלעלוב ניקלשבורג שליט״א,



רבינו זצ״ל ביים כותל המערבי אויף די עלטערע יארן, ווערט אויך געזען בנו כ״ק מרן רבינו ר׳ אלתר אלעזר מנחם זצ״ל

דעם עול הנהגת העדה. ברוב ענוותנותו האט ער זיך נישט געהאלטן ראוי צו פירן אן עדה אידן, און ער האט געהייסן די חסידים פארן צו אנדערע צדיקי הדור, ווען ער אליין איז פון ארץ ישראל אפגעפארן קיין אייראפע, צו וויילן אין קארלינער הויף ביי הרה״ק ר׳ אברהם אלימלך זצ״ל.

ערשט פינף יאר נאכדעם, אין שנת תרצ״ה, האט ער נאכגעגעבן די כסדר׳דיגע הפצרות פון חסידים און גענומען אויף זיך דעם עול ההנהגה. דאס לעלוב׳ער חסידות האט ווידער אויפגעלעבט און עלטערע און יונגערע חסידים האבן זיך מדבק געווען בלב ובנפש אין דעם נייעם יונגן רבי׳ן. מען האט תיכף געזען אויף אים גדלות און צדקות, באגאסן מיט לויטערקייט פון קדושה און טהרה וואס ער האט משפיע געווען אויף דעם גאנצן חסידי׳שן הויף.

צדיקי הדור האבן שטארק מעריך געווען דעם רבי׳ן, באזונדער הרה״ק ר׳ אברהם אלימלך מקארלין זצ״ל צו וועמען ער איז געווען אדוק און מקושר בלב ונפש. ווי אויך הרה״ק ר׳ אהרן מקאזניץ זצ״ל מיט וועמען ער פלעגט לאנגע שעות שמועסן אין געהויבענע פארבארגענע ענינים, הרה״ק ר׳ שמעון שלום מאמשינוב זצ״ל, הרה״ק ר׳ שלמה חנוך מראדאמסק זצ״ל און נאך. מיט הרה״ק ר׳ שלמה׳קע זוועהילער זצ״ל האט רבינו געהאט א קשר אמיץ, פול מיט התבטלות און הכנעה.

דעם רבי׳נס הויף אין תל אביב איז פארוואנדלט געווארן אין א תל תלפיות פאר דורשי ומבקשי ד׳. אין יענע תקופה, איז תל אביב געווען באוואוינט מיט אסאך חסידישע אידן, צווישן זיי שארית הפליטה אידן וואס זענען דאן ארויפגעקומען קיין ארץ ישראל. ביים רבי׳ן אין הויף האבן זיי געפונען א ווינקל וואו צו קענען ממשיך זיין מיט א חסידישער לעבנסשטייגער

## אהבת ישראל

דער רבי זצ״ל איז געווען אן אמת׳ער אוהב ישראל. איינמאל איז אריינגעקומען צו אים א צובראכענער איד וואס האט אסאך מיטגעמאכט און זיך אויסגערעדט דאס הארץ. ער האט זיך אנטשולדיגט אז ער האט נישט קיין געלט צו געבן פאר א פדיון. האט אים רבינו זצ״ל געענטפערט אז דער פדיון וועט זיין אז ער וועט צוריקקומען פארציילן בשורות טובות.

אויף די עלטערע יארן ווען ער איז געווען א מדוכא ביסורים, פלעגט מען פארליינען פאר אים די נעמען פון אידן בעלי שמחה, און דאס האט אים משמח געווען און אביסל גרינגער געמאכט די יסורים.

איינמאל נאכ׳ן סטראוק ווען דער רבי איז געווען מדוכא ביסורים האט באזוכט ביי רבינו זצ״ל איינע פון די אדמורי״ם. ווען ער האט געזען דעם רבי׳ן אין אזא מצב האט ער זיך אנגערופן ״אה לעלוב׳ע רבי ליידט פאר אידנ׳ס וועגן!״ האט זיך דער רבי באלד אנגערופן מיט זיין גרויס אהבת ישראל וואס האט געברענט אין אים ״אידן דארפן נישט ליידן!״

אמאל האט זיך א איד אויסגערעדט צו אים איבער א צרה וואס ער האט געהאט, און א תקופה שפעטער האט אים דער רבי ווידעראמאל באגעגנט און אים געפרעגט וואס ער מאכט, האט יענער געענטפערט אז ער איז שוין ב״ה געהאלפן געווארן, האט זיך דער רבי אנגערופן צו אים מיט א קרעכץ אויף דעם וואס ער איז נישט געקומען מבשר זיין אז ער איז שוין א געהאלפענער ״דיר טוט עס שוין נישט וויי, אבער מיר טוט עס נאך וויי.״

פונקט ווי אמאל.

דעם רבינ'ס ליכטיגקייט האט באלויכטן אין אידישע הערצער, ריינע אמונה און יראת שמים, און מיט זיין טאג טעגליכן עבודת הקודש האט ער אריינגעשיינט אהבת ד' אין פילצאליגע נפשות ישראל וואס האבן זיך געקלאמערט אין אים.


רבינו זצ"ל ביים חנוכת הבית פון ישיבה קארלין-לעלוב

מיט זיין אויסטערלישע אהבת ישראל האט ער זיך אפגעגעבן מיט צובראכענע הערצער און מיט א ימין מקרבת האט ער מקרב געווען אידן וואס זענען געווען ווייט פון תורה ומצוות, און זיי וואונדערליך צוגעצויגן נענטער צו אידישקייט און מיט זיינע תפילות און פעולות באוויזן נפלאות אין תחום פון קירוב נפשות. וואוינענדיג די ערשטע יארן אין תל אביב, איז זיין בית המדרש געווען אן אבן שואבת פאר פילע לאקאלע דערווייטערטע אידן וואס האבן געהאט ביי אים אן אפענע טיר און אפענע הארץ, און מיט זיין השפעה נתקרב געווארן צו שמירת התורה והמצוות.

פונקט ווי אין תל אביב, איז אויך שפעטער ווען ער האט איבערגעפלאנצט זיין הויף אין בני ברק, ארויס שטראלן פון תורה און חסידות פון בית מדרש פאר די גאנצע שטאט, און ער האט משפיע געווען הויפנס

## אריינגעפינען א איד פון שאול תחתית

כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א האט עטליכע מאל דורכאויס די יארן ביים סעודת הילולא פון רבינו זצ"ל פארציילט דעם פאלגענדן סיפור:

א אידישער בחור איז ליידער אראפ פון אידישן וועג און זיך ל"ע זייער ווייט דערקייקלט, אזש ער האט זיך אנגעטראפן מיט א נישט אידישע פרוי און זיך געגרייט חתונה צו האבן מיט איר.

דער טאטע פון דעם בחור איז געווען צובראכן אויף שברי שברים און האט פראבירט אים אפצורעדן פון חלילה באגיין אזא שריט, אבער עס איז נישט געווען מיט וועם צו רעדן. דער טאטע איז געווען אובד עצות, און איז אריין צום רבי'ן זצ"ל זיך אויסרעדן זיין צובראכן הארץ. דער רבי האט אים געזאגט אז ער זאל איבערגעבן פאר'ן בחור אז ער זאל אריינקומען צו אים ווייל ער וויל רעדן מיט אים.

דער טאטע האט איבערגעגעבן פאר'ן בחור דעם רבינ'ס בקשה. צום ערשט האט ער נישט געהאט קיין חשק, אבער נאכדעם וואס דער טאטע האט זיך ביי אים איינגעבעטן האט ער מסכים געווען אריינצוגיין צום רבי'ן.

ווען ער איז אריינגעקומען צום רבי'ן האט דער רבי אנגעהויבן צו שמעסן מיט אים על דא ועל הא, און געשמאקע ארומגעשמועסט מיט אים. נאך א לענגערע שמועס האט דער רבי אים געזעגנט אן דעם וואס ער זאל דערמאנען א ווארט וועגן די פרוי.

עטליכע טעג שפעטער האט דער רבי געבעטן דעם טאטע אז ער זאל אריינשיקן דעם בחור נאכאמאל, דער טאטע האט זיך גע'חידוש'ט, קוים וואס ער האט מצליח געווען איבערצורעדן דעם בחור צו קומען איין מאל, וועט ער זיכער נישט מסכים זיין צו גיין א צווייטע מאל. אבער ווען ער האט איבערגעגעבן פאר'ן בחור דעם רבי'נס בקשה, האט ער צו זיין שטוינונג תיכף מסכים געווען דערצו, זאגענדיג אז דער רבי איז א געשמאקער, מען קען סתם שמועסן מיט אים אן קיין פרעשור...

ביים צווייטן מאל האט דער רבי ווייטער געשמועסט מיט אים על דא ועל הא, און ממש צום סוף גיבט אים דער רבי א פרעג וואס טוט זיך עפעס מיט שידוכים? האט דער בחור געענטפערט אז ער האט געטראפן איינעם, נישט קיין אידישע, און דער רבי פרעגט אים אפשר לאזטו איר אפ, אבער דער בחור האט זיך איינגע'עקשנ'ט אז ער קען נישט, דער רבי האט אים אפגעזעגנט און גארנישט מער גערעדט.

א שטיק צייט שפעטער האט דער טאטע באגעגנט כ"ק מרן ר' אלתר אלעזר מנחם זי"ע און דער טאטע איז געווען מלא שמחה זאגנדיג אז ער וויל לאדענען דעם רבי'ן צו זיין מסדר קידושין ביי זיין זון'ס חתונה, ווען ראמ"מ האט אים געפרעגט וואס האט פאסירט האט דער טאטע דערציילט, אז ממש א קורצע צייט שפעטער נאכדעם וואס דער בחור האט גערעדט מיט'ן רבי'ן איז עפעס אדורכגעלאפן א שווארצע קאץ צווישן זיי צוויי, זיי האבן זיך אפגעטיילט, און ב"ה יעצט גרייט זיך דער בחור חתונה צו האבן מיט א אידישע מיידל כדת משה וישראל.

דאס אלעס איז געווען בזכותו של אותו זקן רבינו זצ"ל, וואס האט מיט אפאר פשוטע שיחת חולין געהאט אן השפעה דקדושה צו ראטעווען א איד מרדת שחת.



קדושה אויף עדת צאן מרעיתו און אויף אלע משכימים לפתחו לעצה ולברכה.

אידן וואס האבן ארויסגעקוקט אויף ישועות האבן געזעהן ביים רבי'ן נפלאות, בבחינת צדיק גוזר והקב"ה מקיים, און אלס עמוד צלותהון דישראל האבן זיינע תפילות ובקשות עושה רושם געווען אין הימל.

די הייליגע לעכטיגע שבתים און ימים טובים וואס רבינו האט געפראוועט בקהל חסידיו פאר צענדליגע יארן זענען געווען א שפרודלדיגע קוואל פון התרוממות הנפש און התעלות בעבודת השי"ת. די טויזנטער שבתים זענען פארבליבן אויף אייביג איינגעקריצט אין זכרון פון די חסידים וואס האבן בשעתו זוכה געווען זיך צו ווארעמען ביי אט דעם אור קדושת השבת, ווען דער קרוין פון שבת המלכה האט זיך אנטפלעקט מיט זיין פולסטן פראכט און שיינקייט און געגעבן די חסידים המסתופפים בצל הקודש אן אמת'ן געפיל פון "מעין עולם הבא". די גאנצע מעת לעת איז געווען דורכגעדרינגען מיט דעם גייסט פון קדושה. אין אלע ווינקלען האט געשיינט דעם אור השבת און אומעטום האט מען געאטעמט דערהויבנקייט.

אידן דערציילן נאך היינט מיט א חרדת קודש וואס מען האט צוגעזען ביי תפילת ליל שב"ק, בעת ווען רבינו האט געזאגט דעם מגן אבות בדברו, אז ביים אנקומען צו די ווערטער "לפניו נעבוד ביראה ופחד" האט רבינו איבערגעזאגט די ווערטער אומצאליגע מאל, און זיך געווארפן מיט אן אויסטערלישער פחד, און אפטמאל אומגעווארפן דעם בענקל פון הונטן, און דאס געזאגט ממש עד כלות הנפש, ווען טייל מאל האט ער ממש אוועקגע'חלש'ט בשעת מעשה.

מיט דביקות און אהבת השי"ת פלעגט דער רבי זיך מסגף זיין מיט תעניתים און סיגופים, און מיט השתוקקות הנפש און טיפהארציגע בענקעניש האט דער צדיק כסדר ארויסגעקוקט אויף גאולתן של ישראל בביאת משיח צדקנו.

טראץ די גרויסע טרדות בעניני הכלל איז דער רבי כל ימיו געווען ווי צוגעבינדן צו די גמרא און לאנגע שעות נאכאנאנד עוסק געווען בלימוד התורה. דער רבי האט אלס יונגערמאן אנגעקניפט א נאנטן קשר מיט דער גרויסער מקובל, דער באבא סאלי זצ"ל, און געלערנט מיט אים בחברותא תורת הנסתר.

אין די עלטערע יארן איז דער רבי ליידער געווען מדוכא ביסורים, און טראצדעם אנגעגאנגען מיט זיין עבודת הק' מיט מסירות נפש, ביז כ"ז טבת תשמ"ז, ווען ס'איז פארלאשן געווארן דעם אור גדול וואס האט פאר אזויפיל צענדליגע יארן באלויכטן כלל ישראל און אויפגעהויבן אזויפיל נפשות נענטער צו אבינו שבשמים.







# ובית צדיקים יעמוד

דער הייליגער דרך אין עבודת ד' פון רבינו הק', דער בעל ההילולא זי"ע, ווערט ווייטער נמשך בתוכנו דורך נכדו חביבו **כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א**, וועלכער זינט פטירת אביו הק' כ"ק מרן אדמו"ר ר' אלתר אלעזר מנחם זצ"ל, פארשפרייט ער ווייטער דעם פלאם פון חסידות לעלוב, מיט דביקות ד' און מסירות נפש, בדרכי אבותיו הק' זי"ע.

מיט גרויס התבטלות און הכנעה, איז כ"ק אדמו"ר שליט"א געווען דבוק בכל נימי נפשו צום גרויסן זיידן זצ"ל, וועלכער איז געווען זיין רבי מובהק בחיים חיותו, און פון נאך זיין הסתלקות, כ"ד טבת תשמ"ז, איז דער רבי שליט"א געבליבן צוגעבינדן צום זיידן בלב ובנפש, און אין זיין הייליגן דרך איז ער מדריך עדת חסידיו, לויט די הדרכות וואס ער האט מקבל געווען פון זיידן זצ"ל.

וכמים פנים אל פנים, האט כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א זוכה געווען צו א קירבות און חביבות יתירה ביים זיידן זצ"ל, וועלכער האט ביי א געלעגנהייט זיך אויסגעדריקט בזה"ל: איך האב אים ליב ווי מיין שווארץ אפל פון אויג..."

ביום חופתו, ווען רבינו שליט"א האט געוואלט אריינגיין מיט א קוויטל צום זיידן, האט דער זיידע זיך אנטזאגט פון נעמען דאס קוויטל, זאגנדיג: "דו דארפסט נישט געבן... איך האב דיר אינזין..."

**כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א האט געגרינדעט דעם תלמוד תורה 'ברכת רמ"מ ירשלים', על שמו וזכרו פונעם זיידן זי"ע, און איז משאת נפשו הטהור, וואו לעכטיגע תינוקות של בית רבן ווערן נתחנך אויף דעם אויסגעטראטענעם וועג בדרך התורה והמסורה, מיט'ן ברען און פלאם על דרך רבותינו הק' לבית לעלוב, לויט ווי כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א האט מקבל געווען פון רבינו הק' בעל ההילולא זיעועכי"א.**


כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א ווערט געזען שטיין הונטער'ן זיידן רבינו זצ"ל


כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א ביים עריכת השולחן
ביומא דהילולא קדישא פון מרן רבינו זצ"ל


כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א מתפלל על ציון קדשו
פון מרן רבינו זצ"ל

# שיקט א קוויטל



**וואס וועט ווערן אויפגעליינט על ציון הק' בעצם יומא דהילולא קדישא**

**דורך א שליח מיוחד פון ת"ת לעלוב**

רופט אדער שיקט אן אימעיל צו:

347-391-0406
rebmmlelov@gmail.com

**צו מנדב זיין פאר ת"ת לעלוב, הנקראת ע"ש פונעם בעל ההילולא זי"ע**

רופט אדער שיקט אן אימעיל צו: 347-391-0406 • rebmmlelov@gmail.com

## הגליון נתנדב ע"י

ידידינו החשובים והיקרים, נדיבי לב, רודפי צדקה וחסד

מוה"ר **יצחק זאב הערמאן** הי"ו
לע"נ הרה"ח ר' **חיים** ב"ר **יצחק זאב** ע"ה
האה"ח מרת **ליבא** ב"ר **אלכסנדר** ע"ה
הרה"ח ר' **צבי** ב"ר **חיים** ע"ה
האה"ח מרת **ריזל** ב"ר **אלכסנדר זושא** ע"ה

מוה"ר **משה אהרן הערשקא** הי"ו
מחברי ועד הנהלת הת"ת
לע"נ מרן רבינו **משה מרדכי** בן
מרן רבינו **שמעון נתן נטע** זיעועכי"א
לע"נ אביו הרה"ח ר' **יצחק שלמה** ב"ר **אליהו** ז"ל

הרב **דוד הורונטשיק** שליט"א
מחשובי הורי מוסדותינו הק'
נכד הגה"צ ר' **חיים אלעזר** זצ"ל
חדב"ן **מרן רבינו הק'** זיעועכי"א

מוה"ר **זלמן גליק** הי"ו
מחשובי הורי מוסדותינו הק'
לע"נ מרן רבינו **משה מרדכי** בן
מרן רבינו **שמעון נתן נטע** זיעועכי"א

מוה"ר **עקיבא יונה לעדערער** הי"ו
לע"נ מרן רבינו **משה מרדכי** בן
מרן רבינו **שמעון נתן נטע** זיעועכי"א

מוה"ר **חיים יושע גראס** הי"ו
לע"נ מרן רבינו **משה מרדכי** בן
מרן רבינו **שמעון נתן נטע** זיעועכי"א
ולע"נ הרה"ק ר' **יואל** בן רבי **חנני' יו"ט** זי"ע
**מסאטמאר**

מוה"ר **ישראל הירשבורן** הי"ו
להצלחה בכל הענינים

**אחים ברוטשטיין**
לעילוי נשמת אביהם
הרה"ח **ר' חיים יעקב צבי** ב"ר **שרגא פייבל** ז"ל
נלב"ע כז שבט

הרב **שמואל צבי הערשלאג** שליט"א
נין הגה"צ ר' **חיים אלעזר הורונטשיק** זצ"ל
חדב"ן **מרן רבינו הק'** זיעועכי"א

הרב **יצחק גרשון טאגער** שליט"א
לעילוי נשמת זקינו
הרה"ח **ר' שלמה יודא** ב"ר **נתן** ז"ל

הרב **יואל טייטלבוים** שליט"א
נכד הגה"צ ר' **חיים אלעזר הורונטשיק** זצ"ל
חדב"ן **מרן רבינו הק'** זיעועכי"א

מוה"ר **שלמה יוסף באש** הי"ו
להצלחה בכל הענינים

הרב **חיים יעקב דייטש** שליט"א
לע"נ מרן רבינו **משה מרדכי** בן
מרן רבינו **שמעון נתן נטע** זיעועכי"א
ולע"נ הרה"ק ר' **יקתואל יהודה** בן רבי **צבי** זי"ע
**בעל שפע חיים מצאנז קלויזנבורג**

יה"ר שזכות רבינו זי"ע יגן עליהם להתברך בכל מילי למיטב בבני חיי ומזוני

IMAGE 347-578-1950